# אידישע פּלאַטעס

פון דוד־הירש ראָסקעס

פעסימיסטן זאָגן אַז די אייניציקע ירושות פונם מזרח־אייראָפּייאישן אידנטום וועלן זיין געפילטע פיש און קאַרטאָפל־לאַטקעס. אפילו זיי וועלן אָבער מוזן צוגעבן — אידישע פאָלקס־לידער.

דיסקן פון אידישע פאָלקס־לידער זיינען ניט קיין נייעס אויף דער אידישער גאַס. במשך די לעצטע 12 יאָר האָבן זיי זיך שטאַרק פאַרשפּרייט און זייער קינסטלערישער ניוואָ דערהויבט זיך כסדר. ליידער קען מען נאָך קויפן שונדפּלאַטעס אין אַ צעקאַליעטשעטן וואולגאַרן אידיש, אָבער דער היינטיקער עולם דערוואַרט שוין אַ בעסערע און ריינערע אויסטייטשונג.

לעצטנס זיינען פאָלקס־לידער בכלל געוואָרן געוואַלדיק פּאָפּולער, און פאָלקס־זינגער האָבן זיך ניט נאָר גענומען שרייבן נייע לידער, נאָר אויך אויפזוכן און ממש אויסגראָבן אַלטע. רות רובין, אַ היגע־געבוירענע פאָלקלאָריסט אויף דעם שטייגער פון אַנסקי, נח פּרילוצקי און יהודה־לייב כהן, האָט גענומען אויספאָרשען דאָס אידישע פאָלקס־ליד אויפן אַמעריקאַנער באָדן. אין 1958 האָט זי אַרויסגעגעבן אַ פּלאַטע וואָס איז אַן אוצר. זי האָט רעקאָרדירט רעליגיעזע און סעקולערע לידער פון דער אַלטער היים — געזונגען פון אידישע אימיגראַנטן אין זייער אייגן דיאַלעקט. דאָרטן געפינט זיך אַזאַ זידל־ליד פון חדר־אינגלעך:

„אוי דעם רבינ׳ס ספּאָדיק ברענט!
זאָל ער ברענען ווי אַ פייער,
זאָל ער וויסן געלט איז טייער,
זאָל ער וויסן געלט צו שווינען,
זאָל ער וויסן מיט דער ווייב צו וואוינען!"

אויף דער זעלבער פּלאַטע געפינען זיך צווישן אַנדערע, אַ וואונדערלעכע קוואַדריל און אַ האַרצרייסנדע ליד „ווער עס האָט אין בלאַט געלעזן" וועגן דעם אָדעסער פּאָגראָם פון 1871.

רות רובין האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט אַרויסגעבן יענעמס געזאַנגען. זי אַליין האָט שוין דריי אייגענע פּלאַטעס. איר „אידישע ליבע־לידער" איז אַ יקר המציאות; מיט די לידער קען מען פירן ליבעס ניט נאָר מיט אידישע מיידלעך, נאָר מיט אַלע מיידלעך אויף דער וועלט! אין איר נייעסטן דיסק ווערט פאַרן ערשטן מאָל רעקאָרדירט דאָס חסידישע ליד „קיין קאָצק פאָרט מען ניט".

דער אייניציקער זינגער, וועלכער קען, לויט אונדזער מיינונג, זיך פאַרמעסטן מיט רות רובינען איז טעאָדאָר ביקעל. ער האָט שוין אַרויסגעגעבן מער ווי אַ טוץ פּלאַטעס און פון זיי שטייען די דריי אידישע אויפן סאַמע אויבנאָן. ווי אַן אמת׳ער קינסטלער באַהערשט ער פאַרשיידענע דיאַלעקטן און נואַנסן. די לידער וואָס ער קלייבט אויס זיינען די סאַמע פאָלקסטימלעכע און זיין אַקאָמפּאַנימענט (אַמאָל אַן אָרקעסטער, אַמאָל זיין אייגן גיטאַרע), גיט תמיד צו אַ סך חן. ס׳איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף זיין נייעסטער פּלאַטע וואָס איז לעצטן יאָר אַרויס אויפן מאַרק. ביקעל האָט דאָרטן אָנגעטאַפּט אַ גאָר רייכן קוואַל פונם אידישן ליד — דער טעאַטער. דער אַמעריקאַנער אידישער טעאַטער האָט זיך אָפּט אויסגעצייכנט מיט זיין געשמאַקלאָזיקייט און ביליקן הומאָר. מסתמא דערפאַר האָבן פאָלקס־זינגער זיך ניט צוגערירט צו זיינע מוזיקאַלישע פּראָדוקטן. ביקעל איז דער ערשטער וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם עלעמענט פון פּרימיטיווקייט אין דער אַמעריקאַנער אידישער אָפּערעטע און עס דערהויבן צו עכטער קונסט. דוד סעלצער, וועלכער האָט צוגעגרייט די מוזיק האָט אין דעם אַ סך געהאָלפן, אָבער ביקעלן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם אָפּקלייב און די אויפפירונג. אָט איז אַ משל פון איין ליד „דווינע":

„...ס׳איז באַקאַנט שוין דאָ אַ יעדן
אַז ס׳האָט אדם אין גן־עדן
שוין אַנטדעקט די מעשה, די ז
טשיקאַווע
אַז באַדעקט מיט צוויי־דריי בלעטער
איבער מענטשן, איבער געטער
אייביק וועט רעגירן מאַמע־חוה.

אוי עפּעס האָט זי אַזאַ כוח
מער ווי שכל, מער ווי מוח
ס׳איז אַ בליק, אַ רייץ, אַזאַ מין
כישוף.
פלאַמען בעקלעך ווי מאָרעלן
ליפּן רויטע — שנירלעך קרעלן,
סודות זינדיקע באַהאַלט
אין איר געטלעכן געשטאַלט...
איך האָב דיך ליב..."

סידאָר בעלאַרסקין קען מען פאַררעכענען ווי דער זיידע פון אידישע פאָלקס־זינגער. ער איז שוין באַשעפטיקט דערמיט לענגער פאַר אַלעמען. במשך די לעצטע 10 יאָר האָט ער באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ פולן מנין פּלאַטעס. די אינטערעסאַנטסטע איז „באַליבטע אידישע לידער", ווייל דאָרטן זינגט ער ניט נאָר סעקולערע וואָכעדיקע לידער, נאָר אויך רעליגיעזע יום־טוב׳דיקע ניגונים. זיין

(שלוס אויף זייט 6)

# Religion Today





## SYNA-GO-GO!

(Gazette Photo Service)

Guitarists David Kaufman (left) and George Weiss will be heading the action at tonight's Hootenany at Congregation Chevra Kadisha — Bnai Jacob. Robert Weiss (right) will lead the Selichot Service.

# Selichot Service For Teens Only!

Just about everything is being tried these days to thrust religion into the far out space age — and the younger the participants, the more exciting it is.

Tonight it's the turn of the National Conference of Synagogue Youth, who have a unique project lined up in connection with a midnight Selichot service.

Would you believe a Syna-Go-Go? Well, that's the tag being hung on such experiments in the United States. And tonight Montreal's Orthodox Jewish youth will give it a whirl under the slightly more conservative label "Hootenany."

The midnight Selichot, to be held in the social hall of Congregation Chevra Kadisha-Bnei Jacob, 5237 Clanranald Ave., will be preceded by a musical and dramatic program beginning at 9.30 p.m. The evening will be complete with free hot dogs and soft drinks.

The event will be under the supervision of Rabbi David Meyer, regional NCSY director. The Selichot is a series of penitential prayers ushering in the high holiday season, which emphasize the relationship of the Jew to his creator.

In explaining the teenager-only service, Rabbi Meyer said: "Too often, in an adult service, the teenager is not made sufficiently aware of this relationship, as his participation is limited.

"We shall not be diluting the service, or cutting anything out. We intend merely, by means of an introductory program in the hours before the services and by concentrating on the significance of the traditional Selichot for modern young adults, to make the prayers more meaningful to each participant."

Admission to the hootenany will be 50 cents. Children will be escorted home following the service, which should end about 1.15 a.m.

Besides inaugurating the high holiday season, the Selichot services will be the first regional event of the NCSY year. NCSY is the youth movement of the Union of Orthodox Jewish Congregations of America.